**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מאוהאק וואלי ראיאן געווינער אין זיבעטע רונדע פון שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און צווייטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם

***הערקימער צו באקומען 10 מיליאן דאלאר פון שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו; בּוּנוויל און ריטשפיעלד צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע פון NY Forward***

***שטאט-צענטער אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקס סטראטעגיע***

***100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט ארויף אויף די שוואונג פון דעם ערפאלגרייכן 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' צו שטיצן א מער גערעכטע ערהוילונג פאר שטאט צענטערן פון ניו יארק'ס קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז הערקימער וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלס די מאוהאק וואלי ראיאן געוואונער אין די זיבעטע רונדע פון די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative, DRI), און אזוי אויך בּוּנוויל און ריטשפיעלד אלס די היי-יאריגע מאוהאק וואלי ראיאן NY Forward ('ניו יארק אויף פאראויס') געווינער, באקומענדיג 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע. פאר די 7'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו, ווערט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר, מיט א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאט-צענטערן צו ווערן לעבהאפטע געגנטער.

ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו, נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די DRI — צו צוזאמפארן סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע דורכפירונג פון פראיעקטן כדי צו שטיצן א מער גערעכטע ערהוילונג פון שטאט-צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס. מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג לעצטע יאר פון 100 מיליאן דאלאר פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און פאר NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1 ביליאן דאלאר איןביידע פראגראמען זייט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן. די גאווערנאר האט פארגעשלאגן נאך 100 מיליאן דאלאר פאר יעדן פראגראם, אנקומענדיג צו א סך הכל פון 200 מיליאן דאלאר, אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025.

"דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward, טוהען מיר העלפן קאמיוניטיס טראנספארמירן זייערע שטאטישע צענטערן און דורכפירן זייער חזון פון האפנונג וואס וואלט אנדערש געווען אוממעגליך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט שטיצן הערקימער, בּוּנוויל

און ריטשפיעלד אזוי ווי זיי פירן אויס זייערע פלענער צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער אין זייערע קאמיוניטיס, צוציהען באזיכער און אויפטרייבן עקאנאמישע געלעגנהייט פאר פילע קומענדיגע דורות."

**<u>10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט פאר הערקימער</u>**
די ווילעדזש אָוו הערקימער האט זיך פארגעשטעלט אלס "א דיאמאנט מיט פילע זייטן", א טיטל וואס איז קלארערהייט ארויסגעברענגט געווארן אין איר DRI אפליקאציע. זינט זי האט צום ערשט אריינגעגעבן אן אפליקאציע, האט די ווילעדזש אונטערגענומען עטליכע באאיינדרוקספולע שריט צו פארבעסערן איר אפליקאציע און צו ארויסווייזן איר גרייטקייט צו איינפירן א DRI גרענט, אריינרעכענענדיג דאס פארענדיגן א סטראטעגישע מייסטער פלאן; באקומען פינאנצירונג צו אנטוויקלען א ניו יארק סטעיט דעפארטמענט 'פארפעסטיגטע שטחים געלעגנהייטן ראיאן' פלאן; איבערארבעטן אירע זאָונינג רעגולאציעס; רעפינירן אירע פארגעשלאגענע פראיעקטן; פארזיכערן צוזאגן פאר אינוועסטירונגען פון די פריוואטע סעקטאר; און אויסברייטערן די אריינגעמישטקייט פון די קאמיוניטי. פראיעקטן און סטראטעגיעס אין די אפליקאציע זענען קאנצענטרירט אויף דאס צוציהען נויטיגע דזשאבס און עקאנאמישע אנטוויקלונג צו די שטאט-צענטער דורך אינוועסטירונגען אין צענטראלע פּראפערטיס, וואוקס פון נייע ביזנעסער און פיסגייער פריינטליכקייט; בארייכערן די קולטורישע ערפארונג אין די שטאט-צענטער; פארבינדן די שטאט-צענטער צו פארוויילונג פלעצער, צום ביישפיל די מאָוהאק ריווער, ערי קאנאל און וועסט קאנאדע קריק; און פארבעסערן אריינגאנג פלעצער צו די שטאט-צענטער וואס נעמען ווארעם אויף ביזנעסער, איינוואוינער און באזיכער.

הערקימער איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג דעם לאקאלן פלאנירונג פראצעדור. זיי שליסן זיך אן מיט אָניאָנטע, ראָום, אמסטערדאם, יוטיקע, גלאווערסוויל, ליטל פאָלס און קלינטאן/קירקלענד וועלכע זענען געווען די מאוהאק וואלי געווינער אין די ערשטע זעקס רונדעס פון די DRI.

הערקימער וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט-צענטער מיט ביז אזויפיל ווי $300,000 אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט ווייזן די וועג פאר די אינוועסטירונג פון די DRI גרענט געלטער אין אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-רוקן דעם חזון פון די קאמיוניטיס פאר זייערע שטאטישע צענטערן און וועלכע קענען אויסנוצן און בויען אויף די סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר די DRI'ס זיבעטע רונדע וועלן פארענדיגט ווערן אין 2024.

**<u>4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענטס פאר בונוויל און ריטשפיעלד</u>**
די ווילעדזש אָוו בונוויל'ס אפליקאציע – מיט די קעפל "מיר זענען בלויז איין גאס אוועק" – זוכט צו פארוואנדלען איר שטאט-צענטער צו ווערן א ציהענדע דעסטינאציע פאר טוריסטן און איינוואוינער צוגלייך, ארויפבויענדיג אויף איר רעפוטאציע אלס א צענטער פאר טוריזם און פארוויילונג, און אזוי אויך אלס די טויער אריין צו די עדיראַנדעקס. פאריגע גרענטס פון רעגירונג קערפערשאפטן האבן געהאלפן גיסן די יסוד פאר ערפאלגרייכע אויפלעבונג דורכן רענאווירן פּראפערטיס פאר אויסגעמישטע באנוצן, פארבעסערן פארקס, פארבעסערן די וואסער קוואליטעט, איבערארבעטן די ווילעדזש/טאון ארומנעמיגע

פלאן מיט קלוגע וואוקס פרינציפן און זיך פארדינען א טיטל אלס א 'ריינע ענערגיע קאמיוניטי'. זיך באציהענדיג צו זיך אליין אלס "פיסגייער-פריינטליך, ביציקל-פריינטליך, באצויבערנד", זענען די ווילעדזש'ס שטאט-צענטער דעסטינאציעס און איינריכטונגען קיינמאל נישט מער פון א 10 אדער 20-מינוטיגע שפאציר אוועק. דורך די NY Forward גרענט, משל'ט זיך די ווילעדזש אויס פיסגייער-פריינטליכערע אינפראסטרוקטור, אויסגעברייטערטע געלעגנהייטן פאר קליינע ביזנעס און פארבעסערטע פובליק ערטער מיט גענוג קולטורישע אקטיוויטעטן.

די גרעיטער ריטשפיעלד ספרינגס שטאט-צענטער געגנט – וואס געפונט זיך אין די טאון אָוו ריטשפיעלד און ווילעדזש אָוו ריטשפיעלד ספרינגס – איז א קליינע קאמיוניטי מיט א גרויסע געפיהל פאר די אויפלעבונג פון איר הויפט גאס. ריטשפיעלד'ס NY Forward גרענט וועט ארויפבויען אויף פריערדיגע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען וואס האבן אנגעהויבן דעם פראצעדור פון אויפלעבונג. פראיעקטן און ציהלן וואס זענען אידענטיפיצירט געווארן אין איר אפליקאציע זענען קאנצענטרירט אויף פארבעסערונגען צו עפנטליכע שטחים דורך פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון געסער; צופאסנדע איבערנוץ פון עקזיסטירנדע געביידעס; פארמערטע פריינטליכקייט צו פיסגייער און ביציקליסטן צו שטופן פאר פובליק געזונטהייט און וואוילזיין; פארמערטע ענווייראמענט-פריינטליכקייט און פארמינערטע קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס; שטיצע פאר וואוקס פון קליינע ביזנעס אין די שטאט-צענטער געגנט; און פארמערטע אויפמערקזאמקייט און אנערקענונג פון איר פארשידנארטיגע קולטורישע הונטערגרונטן.

בּוּנוויל און ריטשפיעלד זענען ביידע צוגעטיילט געווארן 4.5 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן זייערע שטאטישע געגנטער און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג דעם לאקאלן פלאנירונג פראצעדור. זיי שליסן זיך אן מיט קוּפּערסטאון, שעראן ספרינגס און דאָלגעוויל, וועלכע זענען געווען די מאוהאק וואלי געווינער אין די ערשטע רונדע פון NY Forward.

בּוּנוויל און ריטשפיעלד וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאט-צענטערן. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די זאך וואס מאכט אונזערע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און New York Forward פראגראמען אייגנארטיג איז דאס אז די קאמיוניטיס ארבעטן צוזאמען צו אויפקומען מיט א פלאן צו אונטערטרייבן זייער אייגענע אויפלעבונג. דורכן אננעמען אויף זיך זייער ארום און ארום, פייערן זייער רייכע היסטאריע און קולטור און טראכטן שעפעריש, ווייסן מיר אז הערקימער, בּוּנוויל און ריטשפיעלד וועלן אריינבלאזן א פרישע חיות אין זייערע שטאטישע צענטערן. מיינע גראטולירנדע וואונטשן, און די סטעיט דעפּארטמענט קוקט ארויס אייך צו ארויסהעלפן אזוי ווי איר לאזט זיך ארויס אויף די נייע רייזע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די DRI און NY Forward גרענטס וועלן העלפן פארווירקליכן הערקימער'ס פילפאכיגע און איינפלוסרייכע חזון און פארמערן די חן פון בּוּנוויל און ריטשפיעלד פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. די מאוהאק וואלי קאמיוניטיס זענען אויסגעשטעלט צו פארשטערקערן זייערע לאקאלע עקאנאמיעס דורך שטאט-

צענטער פארבעסערונגען וואס וועלן אויך אפשפיגלען אן אנערקענונג פאר פארשידנארטיגע קולטורן און מאכן דעם ראיאן'ס פארוויילונג דיאמאנטן שיינען נאך אפילו לעכטיגער."

**האָומס ענד קאמיוניטי רינועל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "די DRI און NY Forward גרענטס פאר הערקימער, בּוּנוויל און ריטשפיעלד וועלן גיבן די מאוהאק וואלי טאונס און ווילעדזשעס געציהלטע אינוועסטירונגען וואס וועלן ארויפטרייבן די האוזינג סופליי און עקאנאמישע וואוקס, אריינרעכענענדיג די רענאוואציע פון געביידעס פאר אויסגעמישטע באנוצן, צופאסנדע איבערנוץ פון עקזיסטירנדע סטרוקטורן און מאדערניזירונג פון לאקאלע זאָונינג רעגולאציעס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס און אויפלעבן ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן אריבער אלע ראיאנען פון אונזער סטעיט."

**מאָוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Mohawk Valley Regional Economic Development Council, MVREDC) פארזיצער, לאָורענס ט. גילראָי דער דריטער, פרעזידענט פון .Gilroy, Kernan & Gilroy, Inc און דר. מעריאן טערענזיאָ, פרעזידענט פון SUNY קאבעלסקיל, האבן געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די ווייט-קוקנדע געדאנקען וואס זענען פארגעשטעלט געווארן פאר הערקימער, בּוּנוויל און ריטשפיעלד וואס זענען אנערקענט געווארן אין די לעצטע רונדע פון די DRI און NY Forward גרענטס. פון באזיכער אויף זייער וועג צו אן אוואנטורע אין די עדיראַנדעקס אדער וואסער ברעגע, ביז איינוואוינער וועלכע זוכן בעסערע צוטריט צו אלעס וואס די קאמיוניטיס האבן צו אפפערן — וועט די פינאנצירונג אונטערטרייבן טראנספארמאטיווע פלענער וועלכע וועלן שאפן מער לעבהאפטיגע שטאטישע צענטערן יעצט און פאר די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען דירעקטאר, ברייען יוּ סטרעטאן, האט געזאגט**, "די קאנסטרוקציע פון די ערי קאנאל האט געשפילט א פראמינענטע ראלע ביים אנטוויקלען פילע קאמיוניטיס אריבער די מאוהאק וואלי, אריינרעכענענדיג די ווילעדזש אָוו הערקימער. די אינוועסטירונגען וואס ווערן געמאכט דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גיבן פאר די לאקאלע רעגירונגען די געלעגנהייט צו אויסנוצן זייער לאקאציע לענגאויס די קאנאל כדי די היינטיגע איינוואוינער און צוקונפטיגע דורות זאלן האבן א לעבהאפטיגע פלאץ צו פאררופן א היים."

**סטעיט סענאטאר פיטער אבערעקער האט געזאגט,** "עס איז מיר אן עהרע צו פארטרעטן א חלק פון די מאוהאק וואלי אריינרעכענענדיג די טאון אָוו ריטשפיעלד און די ווילעדזש אָוו ריטשפיעלד ספרינגס – און די סטעיט אינוועסטירונג וועט נאך מער באריייכערן די היסטארישע שטאט-צענטער דיסטריקט צוזאמען מיט דעם גאנצן ראיאן. אונזערע לאקאלע פירער זענען אויפגעקומען מיט א געווינענדע פלאן וואס האט ארויסגעשטעלט אן איבערצייגנדע חזון פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, קאמיוניטי וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט. ניו יארק'ס קליינע דארפישע געמיינדעס זענען עכטע אוצרות און עקאנאמישע פירערס, עס איז וויכטיג אז די סטעיט טוט אנערקענען זייער וויכטיגקייט און טוט פארזעצן זיי צו העלפן בליען דורך פראגראמען ווי NY Forward."

**סטעיט סענאטאר דזשאָו גריפאָו האט געזאגט,** "אלס א געוועזענער מעיאר, אנערקען איך די שוועריגקייטן וואס לאקאלע רעגירונגען שטייען אויס אריבער די סטעיט. די פינאנצירונג וועט פארבעסערן און שטארקן די בּוּנוויל קאמיוניטי און איר העלפן זיך צו אוועקשטעלן אויף די רעלסן צו נאך א לעכטיגערע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד קען בלענקענבוש האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר בּוּנוויל פארן באקומען די NY Forward גרענט. די ווילעדזש אָוו בּוּנוויל איז א קליינע קאמיוניטי מיט א גרויסע היסטארישע איינפלוס אין אניידע קאונטי. עס איז מיר אן עהרע אייך צו האבן געשטיצט דורכאויס די אפליקאציע שטאפלען, און איך ווייס אז איינוואוינער זענען באגייסטערט צו פארזעצן מיט עטליכע

פראיעקטן אין די שטאט-צענטער געגנט געציהלט צו אויפלעבן די קאמיוניטי שטאלץ און פארשטערקערן לאקאלע אינפראסטרוקטור. די באדייטנדע אינוועסטירונג פארשפרעכט צו צוציהען טוריסטן, ארויסווייזן די טאון'ס אייגנארטיגע קולטור און אויסברייטערן איינריכטונגען פאר יעדן. איך קוק ארויס צו זעהן דעם חזון ווערנדיג סוף כל סוף פארווירקליכט און צו באזוכן די 'מעין סטריט' דיסטריקט נאך די רענאוואציעס."

**אסעמבלי מיטגליד ראבערט סמאלען האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ מיט די ווילעדזש אָוו הערקימער, און אונזער געוואלדיגע קאמיוניטי וועט באקומען די פינאנצירונג פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג באמיאונגען. פאר אונזערע לאקאלע ביזנעסער און איינוואוינער, און פאר אלע טוריסטן וואס באזוכן יאר נאך יאר, וועט די פינאנצירונג שאפן נייע דזשאב געלעגנהייטן, פארבעסערן אינפראסטרוקטור, צולייגן צו די ווילעדזש'ס רייכע קולטור און היסטאריע און אויך אויספלאסטערן די וועג פאר מער פאמיליעס צו שלאגן ווארצלען אין די געגנט. איך קוק ארויס צו זעהן וואו די פינאנצירונג און די אויפלעבונג באמיאונגען נעמען אונז אין די נאענטע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד ברייען מילער האט געזאגט,** "די פארפליכטונג פון די סטעיט דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און די NY Forward פראגראם שטרייכט אונטער די אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו אונטערהייבן לאקאלע קאמיוניטיס און פארזיכערן א לעבעדיגערע און מער בליהענדע צוקונפט פאר לאקאלע רעגירונגען ווי הערקימער, ריטשפיעלד, בוּנוויל און זייערע איינוואוינער. הערקימער'ס 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט איז אן עדות איבער די ווילעדזש'ס איבערגעגעבנקייט, האבנדיג סטראטעגיש פלאנירט צו איינפירן פראיעקטן צו אויפלעבן איר שטאט-צענטער. אלס די אדמיניסטראטיווע צענטער פון די קאונטי, האט הערקימער א וויכטיגע ראלע, און די גרענט ברענגט א גאלדענע געלעגנהייט צו פונדאסניי אויספארעמען די ווילעדזש צו ווערן א בליהענדע צענטער. דאס איז א טרייב קראפט פאר טראנספארמאטיווע טויש. אנגעהויבן פון צענטראלע פראפערטיס ביז פיסגייער פריינטליכקייט — וועט די אינוועסטירונג צוציהען דזשאבס, ביזנעסער און פארבינדן די קאמיוניטי מיט פארווייילונג פלעצער, בשעת'ן פלעגן א דינאמישע און ווארעמע אטמאספערע וואס פארקערפערט ווידעראמאל די שטאלץ פון די קאמיוניטי. ריטשפיעלד און בוּנוויל'ס 4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענטס שפיגלען אפ א מיטגעטיילטע חזון פאר פיסגייער-פריינטליכע אינפראסטרוקטור און וואוקס פון קליינע ביזנעס. די אינוועסטירונגען צייכענען נישט נאר אפ דאלארן נאר אויך די פארשפרעך פון אויפלעבונג, וואוקס און א לעבטיגערע צוקונפט פאר אונזערע טוישנדע קאמיוניטיס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און די פירער פון די לאקאלע רעגירונגען פארן נעמען די צייט צו אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס."

**ווילעדזש אָוו הערקימער מעיאר, דאנא שערי, האט געזאגט,** "עס איז מיר אן עהרע אז די גאווערנער האט אויסגעוועהלט די ווילעדזש אָוו הערקימער צו באקומען די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט. די DRI שטייט אלס א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג וואס וועט בענעפיטירן פילע דורות אין די צוקונפט. מיר קוקן ארויס צו די צוזאמליכע הדרכה פון די גאווערנער'ס אפיס און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט אזוי ווי מיר צינדן אונטער די געבורט פונדאסניי פון די ווילעדזש אָוו הערקימער."

**ווילעדזש אָוו בוּנוויל מעיאר, דזשוּדיט דעלערבא, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט זיך אינטערעסירט אין אונזער קליינע ווילעדזש און אז זי זעהט א פאטענציאל פאר בוּנוויל'ס צוקונפט. די ברייטהארציגע גרענט פון NY Forward וועט אונז ערמעגליכן זיך ארויסצולאזן אויפן וועג מיט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן האבן א פאזיטיווע השפעה אויף די לעבנס פון אונזערע איינוואוינער און פארשטערקערן די מאטעריאלן פון וואס די בוּנוויל קאמיוניטי איז געמאכט. די נייע שותפות צווישן די ווילעדזש אָוו בוּנוויל און גאווערנער האקול'ס אפיס ווייזט ארויס א מיטגעטיילטע חזון פאר א לעבטיגערע צוקונפט, און צוזאמען וועלן מיר ארבעטן מידלאזערהייט צו ארויסנעמען די גרעסטע השפעה וואס איז נאר מעגליך פון די פינאנצירונג, זיכער מאכנדיג אז עס קומט

און צו יעדע שטיקל פון אונזער ווילעדזש און אז עס לאזט איבער א לאנגיאריגע ירושה פאר פילע קומענדיגע דורות."

**ווילעדזש אָוו ריטשפיעלד ספרינגס מעיאר, ריטשארד ספענסער, האט געזאגט,** "איך וויל נעמען די געלעגנהייט צו באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונז נעמען אין באטראכט און פאר איר שטיצע פאר די געוואלדיגע אונטערנעמונג. פאר די פארגאנגענע צען יאר האבן די ווילעדזש און טאון אָוו ריטשפיעלד ספרינגס געארבעט צוזאמען אויף עטליכע געמיינזאמע איניציאטיוון צו פארשטערקערן אונזער קאמיוניטי און צו ברענגען הצלחה פאר אונזערע איינוואוינער. מיר האבן געמאכט פארשריט מיט די אונטערנעמונג, און די גרענט וועט אונז ערמעגליכן צו נעמען ריזיגע שריט אויף פאראויס צו אוועקשטעלן ריטשפיעלד ספרינגס אלס די צפון צענטער פון אָטסעיגאָו קאונטי און אלס א גרויסארטיגע אריינגאנג צו די מאוהאק וואלי."

**ריטשפיעלד טאַון סופערווייזער, לערי פריגאולט, האט געזאגט,** "די גרענט וועט ערמעגליכן אונזער קליינע קאמיוניטי צו איינפירן א רייע פראיעקטן וואס וועלן בענעפיטירן אונזער קאמיוניטי אין די פעלדער פון האוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און פארוויילונג. אלע פון די פראיעקטן וועלן העלפן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין ריטשפיעלד. איך וויל באדאנקען דען סאָליוואן און די פילע מענטשן וואס האבן געארבעט אויף די גרענט. אין נאמען פון די טאון זאג איך א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די בעאמטע וואס זענען געווען פארמישט ביים שטיצן ריטשפיעלד און אונז גיבן די געלעגנהייט צו פארבעסערן אונזער קאמיוניטי."

די מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל האט דורכגעפירט א גרונטליכער און פארמעסטנדער פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן דורך קאמיוניטיס פון אריבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע פון די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- די שטאט-צענטער (דאונטאון) זאל זיין געדיכט-געבויט, מיט קלאר-באצייכנטע גרעניצן;
- דער דאונטאון דארף קענען איוסנוצן פריערדיגע אדער ברענגען צו צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען אין דעם געגנט און איר אומגעגנט;
- עס זאל האבן לעצטנסדיגע אדער פאראויסגעזעהנע דזשאבּ וואוקס אינדערינען אין, אדער נאענט נעבן, דעם דאונטאון געגנט וועלכס קען צוציען ארבעטער צו דעם דאונטאון געגנט, שטיצן ווידער-אנטוויקלונג און מאכן וואוקס אויסהאלטבאר;
- די דאונטאון געגנט מוז זיין א ציהענדע און וואוינבארע קאמיוניטי פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען פון יעדן עלטער, איינקונפט שטאפל, דזשענדער, אידענטיטעט, פעאיגקייט, באוועגיגקייט און קולטורישע הונטערגרונט;
- די מוניציפאליטעט זאל זיך שוין האבן אונטערגענומען אדער האבן די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט זאל האבן אויסגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו ברענגען א חזון פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און אינציאטיוון וועלכע קענען אריינגערעכנט ווערן אין א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון DRI אדער NY Forward געלטער; און

- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג פראצעדור און דורכפירונג פון פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

**וועגן דעם דאונטאון ווידער־אויפלעבונגס איניציאטיוו**
די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע זעקס יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 700$ מיליאן צו אינוועסטירן אין 69 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף פאר אויפלעבונג און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו ציען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, ארבעט געלעגנהייטן און מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען 10$ מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. [אינפארמאציע איבער די DRI איז אוועילעבל דא](#).

**איבער דעם NY Forward פראגראם**
[NY Forward](#) איז א צענטראלע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. דער פראגראם ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די DRI צו פארשנעלערן און אויסברייטערן די אויפלעבונג פון קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באווייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, קוואליטעט פון לעבן און געזעלשאפטליך-עקאנאמישע פארשידנארטיגקייט.

איינמאל NY Forward קאמיוניטיס באקומען די געלטער, ווערן זיי געשטיצט דורך א פראפעסיאנאלער פלאנירונג קאנסאַלטענט און א מאנשאפט פון סטעיט אגענטור עקספערטן אנגעפירט דורך די DOS צו אויפקומען מיט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס רעכנט אריין א רייע פון טראנספארמאטיווע, ערגענצנדע און ארבעט'ס-גרייטע פראיעקטן. די פארנעם פון NY Forward פראיעקטן ווערן צוגעפאסט צו די גרויסקייט פון יעדע קאמיוניטי; פראיעקטן קענען אריינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען פון געביידעס, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן וועלכע באווייכערן ספעציפישע קולטורישע און היסטארישע אייגנשאפטן וועלכע גיבן א באדייט און אייגנארטיגקייט מיט די שטעטלישע חן וואס נעמט ארום די געגנטער.

די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלענער און פראיעקטן ווערן געטריבן דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטעט, וואס פירט אדורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי. די סטעיט

דעפּארטמענט שטעלט אויך צו ברייטע טעכנישע הילף און וועבינארן איבער וויאזוי צו בויען קאפאציטעט – מיט אויפטרעטנדע איינגעשטעלטע, עקספערטן און אנדערע אין ענטליכע מצבים פון די DRI קאמיוניטיס – וועלכע זענען אויסגעשעלט צו שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן מעגליך ווייניגער מיטלען און קאפאציטעט ווי גרעסערע, מער שטאטישע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418